# מקובלים.

אין די שלעכטע צייטען, פאַלט אַפילו תורה—די בעסטע סחורה—אויך.

פון דער לאַשצעווער ישיבה איז מעהר נישט געבליבען נאָר דער ראש־ישיבה—ר' יעקיל מיט איין איינציגען תלמיד.

דער ראש־ישיבה איז איין אַלטער דאַרער יוד מיט אַ לאַנגע צושויבערטע באָרד, מיט אַלטע, אויסגעלאָשענע אויגען; למך, זיין געליעבטע תלמיד, איז אַ יונגערמאַן, אויך אַ דאַרער, אַ הויכער, אַ בלאַסער מיט שוואַרצע געקרייזעלטע פאות, ברענענדיגע, שוואַרצע, אונטערגעשלאָגענע אויגען, פערברענטע ליפען, און אַ ציטעריגען שפּיציגען גאָרגעל; ביידע—מיט „אויפגעהראַשעטע" הערצער, אָהן העמדער, ביידע אין לאַכעס; דער ראש־ישיבה שלעפט קוים נאָך אַ פּאָר פּויערישע שטיוועל, דעם תלמיד אָהן זאָקען פאַלען די שוסטער־שיך אַראָב פון די פיס.—

דאָס איז געבליבען פון דער בערי־המטער ישיבה!

דאָס פעראָרעמטע שטעדטעל האָט אַלע מאָל ווייניגער געשיקט עסען. געגעבען טעג; זענען זיך די אָרעם־בחורים צוקראָכען! ר' יעקיל אָבער וויל שוין דאָ שטאַרבען, און זיין תלמיד—לעגען איהם די שערבלעך אויף די אויגען.

און זיי ביידע ליידען אויך אַמאָל הונגער. פון ווענינ עסען קומט ווייניג שלאָפען, פון גאַנצע נעכט נישט שלאָפען, און נישט עסען—אַ השק צו קבלה!

ממה נפשך—דאַרף מען אויף זיין גאַנצע נעכט און הונגערן גאַנצע טעג,—לאָז מען האָטש דערפון אַ נוצען האָבען, זאָל האָטש זיין: תעניתים מיט סגופים, זאָלען זיך האָטש עפענען אַלע טויערען פון דער וועלט מיט סודות, רוחות און מלאכים!

און זיי לערנען שוין קבלה אַ צייט!

אצונד זיצען זיי ביים לאַנגען טיש, איינע אַליין. ביי יעדען איז אצונד נאָך מיטאָג, ביי זיי איז נאָך פאַר פריהשטיק. זיי זענען דאָך גע־וואהנט דערצו. — דער ראש־ישיבה פערגלייסט די אויגען און רעדט; דער תלמיד זיצט אונטערגעשפאַרט אויףביידע הענד מיט'ן קאָפּ און הערט —

— אין דעם זענען דאָ — זאָגט דער ראש־ישיבה — אַ סך בחינות: איינער קאָן אַ שטיקעל, איינער אַ האַלבען, איינער אַ גאַנצען נגון. — דער רבי, ז"ל, האָט געקאָנט אַ גאַנצען נגון, אפילו מיט אַ צושפּיעל! — איך (האָט ער צוגעגעבען טרויעריג) האָב קוים די זכיה צו'ן אַ פּיצעלע, אָט אַזוי גרוים....

ער האָט אָבגעמאָסטען אַ פּיצעלע פון דאַרען פינגער און האָט ווייטער געצויגען:

— עס איז פערהאַנען אַ נגון, וואָס מוז האָבען ווערטער... דאָס איז נאָר אַ ניעדעריגע בחינה.... עס איס פערהאַנען אַ העכערע בחינה: אַ נגון, וואָס זינגט זיך אַליין, גאָר אָהן ווערטער — אַ ריינער נגון! נאָר דער נגון דאַרף נאָך האָבען אַ קול... און ליפּען, דורך וועלכע דאָס קול געהט אַרוים! און ליפּען — פערשטעהסט דו — זענען דאָך גשמיות! און דאָס קול אפילו, עס איז אַיין עדעלער גשמיות, גשמיות איז עס!

לאָז זיין, אַז דאָס קול שטעהט אויפ'ן גרעניץ צווישען רוחניות און גשמיות!

נאָר סיי ווי סיי דער נגון, וואָס הערט זיך מיט אַ קול, וואָס העננט אָב פון די ליפּען, איז נאָך נישט ריין, נאָך נישט אין גאַנצען ריין... גאָך נישט קיין אמת'ער רוחניות!...

דער אמת'ער נגון אָבער, זינגט זיך גאָר אָהן אַ קול... עס זינגט זיך אינעווייניג, אין האַרץ, אין די געדערים!

אָט, דאָס איז דער סוד פון דוד המלך'ס ווערטער: „כל עצמותי תאמרנה"... אינ'ם מאַרך פון די ביינער דאַרף זינגען, דאָרט דאַרף זיין דער ניגון — דער העכסטער שבח פאַר גאָט ברוך הוא! דאָס איז נישט דער ניגון פון אַ בשר ודם, דאָס איז קיין אויסגעטראַכטער ניגון! דאָס איז שוין אַ חלק פון ניגון, מיט וועלכען גאָט האָט די וועלט בע־שאַפען; פון דער נשמה, וואָס ער האָט אַריינגעגאָסען אין איהר....

און אַזוי זינגט די פמליא של מעלה! אַזוי האָט געזונגען דער „יוד", זכרונו לברכה!

דעם לימוד האָט איבערגעהאַקט אַ צעשויבערטער יונג מיט אַ שטריק אַרום די לענדען — אַ טרעגער. ער איז אַריינגעקומען אין בית־המדרש, אַני־

דערגעשטעלט אַ שיסעל גריץ מיט אַ שטיקעל ברויט אויפֿן טיש נעבען ראש־ישיבה, און מיט אַ גראָבּ קול געזאָגט: „ר׳ טעביל שיקט דעם ראש־ישיבה עסען!“ און האָט זיך איבּערגעדרעהט, און, אַרויסגעהענדיג, צוגעגעבּען: „שפּעטער וועל איך קומען נאָך דער שיסעל!“

אַרוים, דורך דעם גראָבּען טרעגער־קול, פון דער געטליכער האַרמאָניע, האָט זיך דער ראש־ישיבה שווער אויפגעהויבּען און איז, נאָכשלעפּענדיג די גרויסע שטיוועל, צוגעגאַנגען צום כיור זיך וואַשען.

געהענדיג, האָט ער ווייטער גערעדט, נאָר מיט ווייניגער התלהבות, און דער תלמיד האָט איהם פון זיין אָרט נאָכגעיאָגט מיט די אויפגעשטיצטע אויערן און בּרענעדיגע פער׳הלום׳טע אויגען.

— נאָר — זאָגט ווייטער ר׳ יעקיל מיט אַ טרויעריגער שטימע — איך האָבּ אפילו די זכיה נישט משיג צו זיין, אין וואָס פאַר אַ בחינה דאָס איז! אין וועלכען שער דאָס קומט! זעהסט דו, — גיט ער שוין צו מיט אַ שמייכעל, — די סגופים מיט די צרופים, וואָס מען דאַרף דערצו, די ווייס איך, און איך וועל זיי דיר נאָך אפשר היינט איבּערגעבּען!

דעם תלמיד קריכען שיער די אויגען אַרויס; ער האַלט אָפען דאָס מויל צו האַפּען יעדעס וואָרט. נאָר דער רבי האָקט אָב; ער וואַשט זיך, ווישט זיך די הענד, זאָגט „שאו ידיכם“, געהט צוריק צום טיש און מאַכט, מיט ציטעריגע ליפּען, די „המוציא“....

מיט ציטעריגע, דאַרע הענד הייבּט ער אונטער די שיסעל. די פאַרע פערדעקט איהם מיט אַ וואַרימען דינסט דאָס בּיינ׳גע פּנים; דערנאָך שטעלט ער זי צוריק, נעמט דעם לעפעל אין דער רעכטער האַנד, און וואַרעמט די לינקע האַנד אין ראַנד פון שיסעל. דערבּיי צעקוועטשט ער מיט דער צונג, אָן די גאָלע דזיאָנסלעס, די רעשט „מוציא“ מיט זאַלץ.

אָנגעוואַרעמט דאָס פּנים מיט די הענד, קנייטשט ער שטאַרק איין דעם שטערען, ציהט צוזאַמען די בּלאָנעבּלאָהע, דאַרע ליפּען, און הייבּט אָן בּלאָזען.

בּיי דער גאַנצער צייט האָט פון איהם דער תלמיד קיין אויג נישט אַראָבּגעלאָזט. און, בשעת דעם רבּינ׳ס ציטעריג מויל איז אַקעגענגעלאָפען דעם ערשטען לעפעל גריץ, האָט איהם עפּעס אָנגעהאַפט בּיים האַרץ; ער האָט זיך פערשטעלט דאָס פּנים מיט בּיידע הענד און האָט זיך איינגאַנצען איינגעצויגען.

אין אַפּאָר מינוט אַרום איז אַריינגעקומען נאָך אַ יונג מיט נאָך אַ שיסעל גריץ מיט בּרויט:

„ר' יוסף שיקט דעם תלמיד אָנבייסען!"

נאָר דער תלמיד האָט נישט אַוועקגענומען די הענד פון פּנים.

דער ראש־ישיבה האָט אַוועקגעלעגט דעם לעפעל און איז צוגעגאַנגען צום תלמיד. אַ ווײַלע האָט ער מיט שטאָלצער־ליבע אויף איהם געקוקט, דערנאָך האָט ער אײַנגעהילט די האַנד אין דער פּאָלע און אָנגערידט איהם דעם אַקסעל.

— מען האָט דיר געבראַנגט עסען, — וועקט ער איהם מיט אַ פרײַנדליך קול.

טרויעריג און לאַנגזאַם האָט דער תלמיד אַוועקגענומען די הענד פון פּנים. און דאָס פּנים איז נאָך בלאַסער געוועזען, און די אונטערגעשלאָגענע אויגען האָבען נאָך ווילדער געברענט.

— איך ווייס, רבי! — ענטפערט ער — נאָר איך וועל נישט עסען היינט.

— דער פיערטער תענית? — האָט דער ראש־ישיבה געפרעגט פערוואונדערט. — און אָהן מיר? — גיט ער צו מיט אַ פּרעטענסיע.

— עס איז אַיין אַנדערער תענית, — ענטפערט דער תלמיד. — עס איז אַ תענית־תשובה!

— וואָס רעדסט דו? דו — און אַ תענית־תשובה?

— יאָ, רבי! אַ תענית־תשובה.... אַ רגע פריהער, ווען איהר האָט אָנגעהויבען עסען, האָב איך געהאַט אַ הרהור... עובר צו זיין אויף לא־תחמוד!

---

אין דער זעלבער נאַכט, גאַנץ שפּעט, האָט דער תלמיד געוועקט דעם רבי'ן. זיי זענען ביידע געשלאָפען, זיך געגען איבער, אויף בנק אין קלויז.

— רבי — רבי! — האָט ער גערופען מיט אַ שוואַך קול.

— וואָס איז? — האָט זיך דער ראש־ישיבה אויפגעהאַפּט דערשראָקען.

— איך בין אַצונד געווען אין דער העכער מדרגה...

— ווי אַזוי? — פרעגט דער ראש־ישיבה נאָך אַביסעל פערשלאָפען.

— עס האָט אין מיר געזונגען!

דער ראש־ישיבה האָט זיך אויפגעזעצט:

— ווי אַזוי, ווי אַזוי?

— איך ווייס אַליין נישט, רבי, — האָט דער תלמיד מיט נאָך אַ שוואַכער קול געענטפערט. — איך האָב נישט געקאָנט שלאָפען, האָב איך מיך פערטיעפט אין אייער שמועס... איך האָב געוואָלט דוקא קאָנען דעם

ניגון... און איך האָב, פאַר גרויס צער, וואָס איך קאָן נישט דעם ניגון, אָנגעהויבען וויינען... עס האָט אין מיר אַליין געוויינט; אַלע אֵברים האָבען געוויינט פאַר'ן רבונו של עולם!

דערביי האָב איך געמאַכט די צרופים, וואָס אידר האָט מיר איבערגעגעבען... אַ וואונדערליכע זאַך: נישט מיט'ן מויל, נאָר עפּעס אינעווייניג... פון זיך אַליין! ראַפּטוס איז מיר ליכטיג געוואָרען.... איך האָב געהאַלטען צו די אויגען, און עס איז מיר געווען ליכטיג, זעהר ליכטיג, זעהר שטאַרק ליכטיג!...

— אָט! — בייגט זיך צו דער ראש־ישיבה.

— דערנאָך איז מיר געוואָרען פון דעם ליכט אַזוי גוט, אַזוי לייכט... עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך וועג גאָר נישט, אַז מיין גוף האָט די וואָג פערלוירען, אַז איך קאָן פליהען...

— אָט! אָט!

— דערנאָך בין איך געוואָרען לוסטיג, לעבעדיג, לאַכעדיג.... דאָס פּנים האָט זיך מיר נישט גערירט, די ליפּען אויך נישט, און איך האָב דאָך געלאַכט.... און אַזוי גוט, אַזוי האַרציג, אַזוי נחת'דיג געלאַכט!

— אָט! אָט! אָט! — מתוך שמחה!

— דערנאָך האָט עפּעס אין מיר געברומט, ווי אַיין אָנהויב פון אַ ניגון געברומט—

דער ראש ישיבה איז אַראָבגעשפּרונגען פון זיין באַנק און איז מיטאַמאָל געווען ביי'ם תלמיד:—

— נו — נו —

— דערנאָך האָב איך געהערט, ווי עס האָט אין מיר אָנגעהויבען זינגען!

— וואָס האָסט דו געפיהלט? וואָס? וואָס? זאָג!

— איך האָב געפיהלט, אַז אַלע חושים זענען מיר פערשטאָפּט און פערמאַכט, און עפּעס אינעווייניג זינגט... און אַזוי ווי מען דאַרף — גאָר אָהן ווערטער, אָט אַזוי...

— ווי אַזוי? ווי אַזוי?

— ניין, איך קאָן נישט... פריהער האָב איך געוואוסט... דערנאָך איז פון'ם זינגען געוואָרען..... געוואָרען.....

— וואָס איז געוואָרען — וואָס?...

— אַ מין שפּיעלען... גלייך, להבדיל, איך וואָלט אינעווייניג, אין

מיר, אַ פיעדעל געהאַט. אָדער גלייך יונגה כלי־זמר זאָל אין מיר זיצען און שפּיעלען זמירות, ווי ביים רבי'ן צו טיש! נאָר עס האָט געשפּיעלט נאָך בעסער, נאָך עדעלער, מיט נאָך מעהר רוהגיות! און אַלץ אָהן אַ קול, אָהן אַ שום קול — סאַמע רוהגיות!....

— וואָהל איז דיר! וואָהל איז דיר! וואָהל איז דיר!

— אַצונד איז אַלץ אַוועק! — מאַכט טרויעריג דער תּלמיד, — עס האָבען זיך מיר צוריק געעפענט די חושים, און איך בין אַזוי מיעד, אַזוי

האָבען זיך מיר צוריק געעפענט די חושים, און איך בין אַזוי מיעד, אַזוי, אַ־זוי מי־עד, מי־עד! אַז איך...

— רבי! — האָט ער ראַפּטום אַ געשריי געטהון, זיך אָנהאַפּענדיג ביי'ם הארץ, — רבי! זאָגט מיט מיר וידוי! מען איז געקומען נאָך מיר! — עס האָט דאָרט אין פּמליא של מעלה אַ זינגער'ל פערפעהלט! אַ מלאך מיט ווייסע פליגעל!... רבי! רבי! שמע ישראל! שמעעע... יש...

---

דאָס גאַנצע שטעדטעל, ווי איין מענש, האָט זיך געוואונשען אַזאַ טויט, נאָר פאַר'ן ראש־ישיבה איז נאָך ווייניג.

— נאָך אַפּאָר תּעניתים, — קרעכצט ער, — וואָלט ער שוין געשטאָרבען „בנשיקה”!

---